קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 222 בחוקותי · תשפ"ד

געדאנקען:
מיין באנק אקאונט וואקסט

אלץ און אלעמען:
אנטדעקט די אויטענטישע פתח המערה פון רבי שמעון בר יוחאי

קינדער בלעטל

דראמאטישע קאמיקס

האלט אייך געשפאנט!

ל"ג בעומר תשפ"ד

חזק חזק ונתחזק

היינט האבן מיר געטאנצן אין ישיבה מיט אלע בחורים וואס האבן שוין זוכה געווען צו מסיים זיין ספר ויקרא, מיר האבן געטאנצן די ניגון פון **"חזק חזק ונתחזק"**; עס איז אזא שמחה ווען מען איז זוכה צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש, תרגום און רש"י און מען ענדיגט די פרשה.

קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169

זמנים Liberty
בחוקותי כ"ד אייר תשפ"ד

הדלקת נרות 08:09
מוצאי שבת 09:40

מנחה מעריב במדבר....09:25

וועטער

Fri 31	66°/44°	Partly Cloudy	
Sat 01	73°/49°	Mostly Sunny	
Sun 02	76°/52°	Partly Cloudy	
Mon 03	74°/55°	Partly Cloudy	
Tue 04	77°/58°	Partly Cloudy	
Wed 05	77°/57°	Scattered Thunderstorms	
Thu 06	76°/58°	Showers	
Fri 07	75°/55°	Showers	

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן קכ"א

היכל הקודש נייעס
דער ראש ישיבה באזוכט מוסדותינו הקודשים אין א"י
7

וועלטליכע נייעס
אידישע וועלט איז מרבה בתפילה פאר א בחור פון איראן
4

אלץ און אלעמען
אנטדעקט די איטערעסנטע פתח המערה אין מירון
5

געדאנקען
מיין באנק אקאונט וואוסט
26


פאר די ברסלב'ער שטוב
תהילים ליד
22

קינדער בלעטל
מעשה'לעך פאר קינדערלעך
30

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מר"ה שמעון אביש הי"ו
וזוגתו יענטא תחי'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערצגעצויגן

מר"ה שמעון ווערטיימער הי"ו
וזוגתו שרה תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

Insurance Solutions

When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

Licensed Insurance and Real Estate Broker

THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

- Simcha Salz -

OUR SERVICES

HOMEOWNERS

RENTERS

TRAVEL

BUSINESS

EMPLOYEE HEALTH

AUTO INSURANCE

CONTACT US:

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

גרשון קרעמער

אידישע וועלט איז מרבה בתפלה אויף א אידישע בחור פון איראן

אין א שטארק נאכגעפאלגטע געשיכטע, הערט מען פון איראן איבער דעם וואס זיי האבן אפגערוקט זייער פלאן צו אומברענגערן א אידישע בחור רחמנא ליצלן, נאכפאלגענדיג פילע תפילות פון אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט.

דער בחור נתנאל בן ציונה (ביטע צייכנט אייך אן דעם נאמען און דערמאנט אים אין אייערע תפילות) איז געווען אויף די ליסטע צו ווערן אומגעברענגט רח"ל פארגאנגענעם שבת קודש אמור, לויט די באריכטן פון די איראנער מידיע. אבער תפילות ישראל עשתה רושם, ווי חז"ל זאגן שוין אפילו חרב חדה מנחת על צווארו של אדם, קען נאך דער אייבערשטער מאכן א נס, און צוערשט איז דער דאטום אפגעשטופט געווארן

ווי די באריכטן פארציילן האט זיך די מעשה אנגעהויבן מיט א געפעכט צווישן אים און א גוי אין איראן, וואס האט זיך ליידער געענדיגט מיט דעם אומקום פונעם גוי, אויף וואס די לאקאלע געריכטע האט אים געפונען שולדיג, און אים דן געווען למיתה ר"ל. דער אייבערשטער האט אונז אבער געגעבן נאך א געלעגנהייט צו מתפלל זיין, און ראטעווען דעם איד ממות לחיים.

ווי מען הערט האבן זיך וואוילטעטיגע אידן זיך איינגעלייגט ארויסצוהעלפן דעם בחור, אפילו ס'איז נישט גרינג דאס צו באווייזן, צוליב וואס איראן איז נישט קיין לאנד וואס מען קען מיט זיי פארהאנדלען ווי נארמאלע מענטשן, אבער דאך פרובירט מען אויף אלע סארטן צו ראטעווען דעם איד וואס הענגט אויף אים אזא שווערע גזירה, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

עס איז נישטא אזא זאך ווי עפעס א פשוט'ער בחור. מען מעסט אים נישט צי ער גייט מיט אזא הוט אדער מיט אזא הוט. "וועלכע מנוחה ושמחה זינגט מען ביי זיי?", מן הסתם זינגען זיי בכלל נישט קיין מנוחה ושמחה שבת, ער זינגט די שבת'דיגע ניגונים לויט די מסורה פון יהדות איראן, ער ווייסט נישט פונעם רבי'ן זכרונו לברכה (נישט קיין חילוק וועם איר רופט "רבי זכרונו לברכה", ווייסט מען לכאורה נישט ביי זיי פון וועם מען רעדט). און מן הסתם ווייסט ער אפילו נישט נישט פונעם הייליגן בעל שם טוב, און נישט פונעם הייליגן גר"א. אבער ער איז א חלק פונעם אידישן פאלק. אלע דאוונען פאר אים, אלע שפירן ווי אין וואלט געצאלט די וועלטס געלט אים צו ראטעווען.

אויסער דעם וואס מיר זענען ווייטער מרבה בתפלה פאר דעם טייערן בחור נתנאל בן ציונה, נעמען מיר זיך פאר אלץ א זכות ער זאל ארויסגיין מאפלה לאורה אז מיר וועלן אנהייבן קוקן גוט אויף יעדן איד, מיר וועלן צוברעכן אלע קנאה שנאה, אויפהערן מחזיק זיין במחלוקת.

די פסוק לייגט אראפ ווי שיין עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען "ופרה ודוב תרעינה יחדיו, ירבצו ילדיהן ואריה כבקר יאכל תבן" דער קוה און דער אקס וועלן פאשען צוזאמען, די קינדער וועלן שפילן מיט זיי, און דער לייב וועט עסן גראז ווי די בהמות", אביסל שפעטער זאגט דער פסוק "וסרה קנאת אפרים וצוררי יהודה יכרתו, אפרים לא יקנא את יהודה, ויהודה לא יצור את אפרים".

פרעגט זיך די קשיא, פארוואס הייבט ער אן קודם מיט די בהמות, נאר די פסוק וויל באמת קודם רעדן צו אונז, אז די אשכנזים זאלן אויפהערן זיך האלטן גרעסער פון די ספרדים, און די ספרדים זאלן נישט אראפקוקן די אשכנזים", אבער מיר וועלן עס נישט קענען נעמען, מען וועט חלילה צוקלאפן דעם ספר "עס איז צו שארף" וועט מען אפשר טראכטן, במילא הייבט דער פסוק אן מיט א זיסע משל וואס מיר קענען נעמען. "דער לייב וועט מאכן שלום מיטן הערש, דער קאץ וועט מער נישט נאכלויפן דער מייז", און אזוי כאפט ער אונז אריין. מיר טראכטן ווי שיין איז עס ווען דער לייב מיטן בער מאכן שלום מיט'ן קוה, און אזוי קען אונז דער פסוק אריינגיין אין מח. "שעפעלע מען מיינט דיר, הער אויף רודפ'ן די חסידים פון דיין רבי'נס ברודער, און סטאפ שוין מיט די ראסיזם. קוק נישט אראפ א איד צוליב וואס זיין הויט קאליר איז אנדערש ווי דיינס, און אזוי וועלן מיר מקרב זיין די גאולה במהרה בימינו אמן".

הן קל כביר לא ימאס תפילת רבים

גרשון קרעמער

האט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com

אנטדעקט געווארן אויטענטישע פתח המערה פון רבי שמעון בר יוחאי

נאכן חורבן הבית איז ארץ ישראל געווען פארלאזט פאר הונדערטער יארן, כמעט קיינער האט זיך נישט דארט געדרייט. אויסער וואנדערנדיגע בעדואינער וועלכע פלעגן באזוכן די ארץ ישראל'דיגע מדבריות פון צייט צו צייט, איז עס געווען פוסט און וויסט, און כאטש מען האט געוויסט אז דער הייליגער רבי שמעון ליגט אין מירון, האט אבער דער הייליגער אר"י הקדוש מגלה געווען וואו דער ציון איז. מיט די צייט האט מען אויפגעבויעט א בנין, און מען האט עס צוביסלעך פארגרעסערט לויטן געברויך ביז עס איז געווארן אויפן היינטיגן גרויסן פארנעם.

מיט די יארן איז אבער פארגעסן געווארן וואו פונקטליך איז די פתח המערה. מען ווייסט אז רבי שמעון ליגט דארט ערגעץ אינעם בנין. אבער וואו איז די פתח המערה? וואו ליגט ער? עס זענען דא ארגאניזאציעס וואס זענען גרייט פאר די ריכטיגע פרייז, פאר אכצן טויזנט דאלער וועלן זיי שטילערהייט צופירן אהין, די שאלה איז צי זיי ווייסן וואס זיי רעדן. איז עס טאקע דארט וואו זיי זאגן?

עס איז באקאנט אז דער גרויסער בעל מקובל הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל וואס איז געווען דבוק ומקושר צום הייליגן רבי שמעון האט געוואוסט פונקטליך אוואו דאס געפונט זיך, אבער נישט געוואלט עס מגלה זיין פאר'ן המון עם. מען זאגט אז ער האט נישט געוואלט אז די מדינה זאל מאכן דערפון א מערת פריצים, און עס זאל פארשוועכט ווערן דער מקום קדוש.

דער ראש ישיבה'ס זיידע הגה"צ רבי יחזקאל ראטה זצ"ל וואס איז אויך געווען שטארק מקושר מיטן הייליגן רבי שמעון, און פלעגט פארברענגען טעג און וואכן לערנענדיג נגלה און נסתר אינעם הייליגן ציון האט געהאט די זכי' צו מקבל זיין פון רבי אשר זעליג דער פונקטליכע פלאץ.

יעצט ווען דער ראש ישיבה האט געפרעגט די בחורים אויב איינער וויל עפעס פרעגן, האבן זיך די בחורים גענומען די מוט, און געבעטן דעם ראש ישיבה אז אזוי ווי זיי ווייסן אז זיין זיידע האט געוויסט דער פלאץ, אפשר קען דער ראש ישיבה זיי מגלה זיין און זיי זאלן האבן די זכי' צו מתפלל זיין דארט ביים אריגינעלן פתח המערה.

דער ראש ישיבה האט קודם פרובירט אפצורעדן די בחורים, "עס איז א היבשע מהלך צו גיין פון דא דער קארלסבורגע הויף אין מירון ביז דארט, און עס איז זייער הייס" אבער די בחורים האבן נישט נאכגעלאזט, זיי ווילן נאכאלץ גיין. האט זיי דער ראש ישיבה געזאגט "אבער מען האלט נאך פאר פרישטאג, עסט זענט זיכער הונגעריג", דאס האט אויך נישט געהאלפן. די בחורים זאגן אז זיי זענען גרייט אויף אלעם, אבי מען זאל גיין.

דער ראש ישיבה האט צוגערופן די בחורים נענטער צו זיך און זיי געזאגט שטילערהייט "אויב אזוי וועל איך ענק מגלה זיין יעצט וואו דער עכטער פתח המערה איז, און עטס וועטס קענען גיין מתפלל זיין דארט און עטס וועט זיכער פועלן." דער ראש ישיבה שליט"א האט געוויזן אויף זיין מויל און זיי געזאגט "עטס זעטס, דא איז די פתח המערה, אויב מען עפנט די מויל און מען רעדט צום אייבערשטן, איז מען ביי די אויטענטישע פתח המערה, און מען קען מתפלל זיין בזכות דער הייליגער רבי שמעון, און בזכות אלע צדיקים, אז מען זאל זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, מען קען רעדן צום אייבערשטן אויפן פשוטן שפראך און זוכה זיין צו אלע מדריגות וואס מען זוכה זיין בזה העולם, און מען וועט זיכער פועלן אלע ישועות".

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט, אז צו גיין צום פתח המערה קאסט נישט קיין געלט, מען דארף נישט קיין פראטעקציע, און מען דארף נישט מאכן קיין אפוינטמענט. יעדער איד ווילאנג ער לעבט, און נישט קיין חילוק וואו אויף דער וועלט ער געפונט זיך, קען ער יעצט זוכה זיין דערצו. ער שטייט יעצט נעבן דעם פתח המערה, און ער קען יעצט אנהייבן צו רעדן. דער אייבערשטערווארט צו הערן פון דיר.

מען קען הערן מער דעטאלן איבער דעם אויף די אינטערוויו אויף קול ברסלב מיט'ן מגיד שיעור מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א.

ווי אַזוֹי זָאל אִיךְ גֶעבְּן דִי צְדָקָה פַאר מַיין טַאטֶע?



שאלה

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְ'ן מִיר מַמָשׁ גֶעבְּן לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם וָואס הָאט אִים מְחַיֶ' מֵתִים גֶעוֶוען. אִין בִּין שׁוֹין טַאקֶע אִין דִי צְוָואנְצִיגֶער יָארְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּאֱמֶת צוּ לֶעבְּן עֶרְשְׁט לֶעצְטְנְס וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

מַיין טַאטֶע אִיז אַ אִיד וָואס זִיצְט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנְט, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן אוֹיסֶער תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז אִיךְ גֶעבּ יֶעדְן חוֹדֶשׁ מַיין מַעֲשֵׂר אוּן חֹמֶשׁ פַאר מַיין טַאטֶע, אִיךְ לֵייג עֶס אַריין גְלַייךְ אִין זַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט (חֶשְׁבּוֹן), אֵיינֶער הָאט מִיר אָבֶּער לֶעצְטְנְס מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, וַוייל מַיין טַאטֶע קֶען זִיךְ שֶׁעמֶען אַז זַיין זוּן גֶעבְּט אִים גֶעלְט יֶעדְן חוֹדֶשׁ, נָאר אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט פַאר אַ צְדָקָה קַאסֶע, אוּן דוּרְךְ זֵיי זָאל עֶס אָנְקוּמֶען צוּ מַיין טַאטֶע, עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין דִירֶעקְט פוּן מִיר צוּ אִים.

אִיךְ טְרַאכְט אָבֶּער אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זֶען וִוי אִיךְ הֶער אוֹיף אִים צוּ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט יֶעדְן חוֹדֶשׁ וִוי צוּגֶעוואוֹינְט, וֶועט עֶס אִים מֶער וֵויי טוּן וִוי וֶוען עֶר בַּאקוּמְט דָאס גֶעלְט דִירֶעקְט פוּן מִיר. וָואס זָאל אִיךְ טוּן? יְיַשֵׁר כֹּחַ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פְרַאגֶע אִיז, וָואס דַארְפְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס דוּ טוּסְט? וִוי קוּמְט דָאס אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל בִּכְלַל וִויסְן אַז דוּ גֶעבְּסְט דַיין צְדָקָה פַאר דַיין טַאטֶע - מִיט אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן אַז דוּ גֶעבְּסְט עֶס אִין זַיין בַּאנְק וְכוּ', וְכוּ'? אַז דוּ גֶעבְּסְט צְדָקָה פַאר דַיין טַאטֶע דַארְפְסְטוּ דָאס נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם מִיטְטֵיילְן; דָאס אִיז צְוִוישְׁן דִיר אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

בִּכְלַל אִיז גוּט צוּ וִויסְן וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גֶעשֶׁעפְט אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם וִויפִיל מֶען פַארְדִינְט אוּן וִויפִיל גֶעלְט מֶען הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט וְכוּ', וְכוּ'. וֶוען אַנְדֶערֶע הַאלְטְן מִיט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם קַיין גוּטְס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח:): "אֵין הַבְּרָכָה מְצוּיָה אֶלָּא בְּדָבָר הַסָּמוּי מִן הָעַיִן", דִי בְּרָכוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל מֶען פַארְדִינְט.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי צְדָקָה דַוְקָא אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דוּ פְלֶעגְסְט גֶעבְּן בִּיז אַהֶער; אִין דֶעם זְכוּת פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת יְשׁוּעָה, סִימָן יג): "עַל יְדֵי צְדָקָה תִּזְכֶּה, שֶׁלֹּא תִּצְטָרֵךְ לִישׁוּעַת אָדָם", וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

היכל הקודש נייעס

ארץ ישראל

דער ראש ישיבה באזוכט אלע חדרים און שולעס היכל הקודש ארץ ישראל

א פולע שיינע וואך האט דער ראש ישיבה פארברענגט אין ארץ ישראל צוזאמען מיט אנשי שלומינו, און אזוי אויך ביי רבי שמעון אין מירון.

דער ראש ישיבה איז אנגעקומען אין ארץ ישראל מאנטאג בהר, גלייך ביים אנקומען איז ער צוגעפארן קיין בני ברק, וואו ער האט באזוכט דעם שיינעם היכל הקודש חדר וואס איז דא אין שטאט בני ברק. דערנאך האט דער ראש ישיבה באזוכט ביים בית המדרש היכל הקודש, געדאווענט מנחה מיט אנשי שלומינו, און געגעבן א הערליכע שמועס פאר די אינגעלייט פון בני ברק וואס האבן שוין אזוי שטארק ארויסגעקוקט אויף די מינוטן וואס דער ראש ישיבה וועט קומען באזוכן און מחזק זיין דעם שיינעם ווינקל (מען קען עס הערן אויף קול ברסלב)

פון דארט איז דער ראש ישיבה געפארן קיין מירון ווי עס האבן אים שוין אפגעווארט די חשובע תלמידים בחורי ישיבת היכל הקודש ירושלים, וואס זענען געקומען קיין מירון זיין מיטן ראש ישיבה פאר אפאר טעג, צוזאמען מיטן געטרייען מגיד שיעור מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א.

דער ראש ישיבה האט גאר געשמאק פארברענגט מיט זיי, פארגעלערנט פאר זיי הערליכע דפים אגדתא גמרא, ווי אויך געשמועסט מיט זיי, און געענטפערט זייערע שאלות וואס זיי האבן געהאט צו פרעגן.

מיטוואך - פסח שני איז דער ראש ישיבה געפארן קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, נאכן זיין דארט א לענגערע צייט איז דער ראש ישיבה געפארן קיין טברי', ער האט באזוכט ביים חדר און דערנאך אויך באזוכט אין שולע.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור פאר אנשי שלומינו אין בית המדרש היכל הקודש טברי' ארומערעדנדיג פון פסח שני, אז מען האט אלעמאל נאך א שאנס צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

אויך האט דער ראש ישיבה גאר שיין ארומגערעדט פון ל"ג בעומר, און צוגעלייגט אז דאס וואס מען זעט די לעצטע פאר יאר אז עס איז גאר שווער אנצוקומען צו רבי שמעון ל"ג בעומר, איז צו ווייזן אז מען דארף זיך מקשר זיין מיט רבי שמעון דורך לערנען זיינע ספרים, זוהר און תיקונים.

פון דארט איז דער ראש ישיבה צוריק געפארן קיין מירון וואו ער האט שוין געוויילט דארט ביז נאך ל"ג בעומר במחיצת זיין טאטן דער קארלסבורגער רב שליט"א.

נאך ל"ג בעומר איז דער ראש ישיבה געפארן באזוכן אנשי שלומינו אין ירושלים וואו ער האט געגעבן שיעורים, און אזוי אויך באזוכט אין די ארטיגע מוסדות היכל הקודש.

משה ארי' שניצלער

מיין באנק אקאונט וואקסט

פשי איז דאס געווען א ל"ג בעומר צום געדענקען! די הדלקה איז געווען פרעכטיג, דער עולם איז געווען גרויס און מעכטיג, די פייער צינגען האבן געמאכט די הימל לעכטיג. יעצט דארף איז זען איך זאל נישט ווערן אויסגעשאלטערט פון די לעכטיגקייט פון רבי שמעון.

די רוצחים האבן געשלאגן, פון די מערה ארויסגעטראגן. מ'איז צוריק אריינגעקראכן, די צום אויפגעבראכן. וואו שטיי איך יעצט? אין וועלכע מערה געפין איך זיך בשעת'ן ויהי ממחרת.

ווען דער אייבערשטער וואלט געמאכט א נס איך זאל זיך טרעפן מיט'ן תנא אלקי, רבי שמעון בר יוחאי, און געבעטן הדרכה, וואס וואלט ער געזאגט?

דער גרויסער צדיק און חכימא דיהודאי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אראפגעשטעלט א יסוד, אז אין היכל



הקודש מוז יעדע זאך האבן א פראקטישן באדייט, מ'קען נישט סתם עסן דעלקעלעך און מאטיאש ביומא דפגרא און דערנאך זיך טרעפן ווייטער ביים זעלבן פאסט קעסטל וואס שפייט נאכאנאנד אויס א טוץ מיט חובות פאר קאן עדיסן און פאר נעשענעל גריד. מ'קען נישט ווייטער אהיימגיין צו א קאלטע פארשלאפענע אויסגעלאשענע שלום בית, א מאן און ווייב וואס זענען נישט אראפצושלינגען, און נישט אויסצושפייען, נישט צוקריגט און נישט בשלום ובשלוה באהבה אחוה ורעות. זאכן מוזן זיך רוקן. איך מוז עפעס האבן אין די האנט. איך מוז קענען עפעס דיפאזיט'ן אין באנק.

די העכסטע בילדינג אין ברוקלין פאר קרוב צו הונדערט יאר איז געווען, "וואן הענסן פלעיס", דאס קומט אויס בערך נעבן פלעטבוש עוועניו און דיקאלב עוועניו. ווען מיר זענען געווען קינדער איז געווען דארט א דענטיסט וואס א גרויסער עולם פלעגט גיין צו אים, ספעציעל פאר ברעיסעס (אין ארץ ישראל איז כמעט נישט דא די גאנצע מציאות פון ברעיסעס, אזוי ווי ביי די אונגארישע איז נישט דא די מציאות פון קאקאש קעיק מיט סעסעמי סיעדס). דער בילדינג האט פערציג שטאק.

דער בילדינג איז געווארן געבויט אין יאר תרפ"ז, 1927 למספרם, און איז געווען די העכסטע בילדינג אין ברוקלין ביז 2009.

דעם בילדינג האט מען געבויט זיינסצייטיג אלס הויפט קווארטיר פון די וויליאמסבורג סעיווינגס באנק וואס האט זיך געעפנט דא ביין אונז אין וויליאמסבורג אין יארע 1851, תרי"א לפ"ק. דער ארכיטעקט וואס האט דיזיינט דעם ערשטן בילדינג פאר וויליאמסבורג סעיווינגס באנק דא ביין אונז אויף 175 בראדוועי, איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דזשארדזש פאוסט, וועלכער האט דיזיינט דעם וועלט בארימטן "ניו יארק

מ'קען נישט סתם עסן דעלקעלעך און מאטיאש ביומא דפגרא און דערנאך זיך טרעפן ווייטער ביים זעלבן פאסט קעסטל וואס שפייט נאכאנאנד אויס א טוץ מיט חובות פאר קאן עדיסן און פאר נעשענעל גריד.

סטאק עקססטשעינדזש" (איך בין געווען אין דעם בילדינג איין חול המועד, ס'איז דא א ספעציעלע פלאץ פאר טוריסטן) און נאך באלד פופציג לענדמארקס.

הערט א מעשה! איין שיינעם טאג קומט אן צום באנק א טראק און זעקס ארבעטערס שפצירן אריין אין באנק מיט א טיש אויף זייערע פלייצעס, דער אייגנטומער פון דעם טיש איז געווען חעזקעלע דעלקעלע, ער נעמט א דיפאזיט סליפ און שרייבט די היינטיגע דאטום, מיט די אקאונט נאמבער, ער קומט צו צום קליינעם פענסטערל, און געבט איבער זיין דיפאזיט סליפ,

ס'שטייט דארט אז ער דיפאזיט היינט צען מיליאן דאלער! די טעלער קוקט אים אן מיט קעלבערנע אויגן, אזוי ווי, ווער פון אונז צווייי איז טויט משוגע... וואו איז דיין צען מיליאן דאלער וואס די דעפאזיטסט דא?!

"די טיש".

"מ'קען נישט דיפאזיט'ן א טיש דא ביי אונז אין באנק! און גייט אייך צו די רוויט פעפער! מיר נעמען אייער דיפאזיט אויב ס'איז דאלערס! פאפירענע דאלערס".

"איך פארשטייט נישט, די טיש איז גאלד! ס'נישט סתם א טיש".

"נעמט אייך ארויס דעם גאלדענעם טיש פון דא פאר איך שפאלט אייך דעם קאפ מיט א גאלדענעם האק".

"אבער דו כאפסט נישט, איך דיפאזיט עס פאר האלב פרייז! די פרייז פון גאלד איז צוויי טויזנט דאלער אן אונץ, און איך דיפאזיט עס פאר בלויז טויזנט דאלער אן אונץ! איך פארדינט א טויזנטער אויף יעדן אונץ וואס איך געב אייך דא היינט".

פירטס ארויס דעם נודניק אין א שווארצע גארביטש בעג אז די נעקסטע מיסט-לאסט-אויטא זאל אים נעמען גלייך צום לענדפיל.

"סעקיוריטי! קומטס אהער! פירטס ארויס דעם קרעציגן נודניק אין א שווארצע גארביטש בעג אז די נעקסטע מיסט-לאסט-אויטא זאל אים נעמען גלייך צום לענדפיל".

"מ'קען נישט דיפאזיטן א טיש אין באנק! און מ'קען נישט לעבן נאר פון עובד'יש flair ups! מ'מוז עפעס טון זאכליך! מען מוז זיך ערווארבן זאכן וואס ווערן יא אנגענומען אין באנק".

איז לאמיר זען וואס מ'קען מיטנעמען פון רבי שמעון בר יוחאי אויף א גאנץ יאר

קודם כל האט דאך דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס ס'איז געווארן שווער צו פארן אויף מירון און אויף אומאן, מיינט מען אונז צו וויזן פון הימל, אז אויסער די הדלקה וואס מ'פייערט אום ל"ג בעומר דארף מען דערצו אויך לעבן א גאנץ יאר מיט'ן צדיק, לערנען זיין ספר. מאכ'ן א שיעור אין ספר הזוהר איז די גרעסטע למעשה'דיגע זאך וואס מ'קען זיך מיטנעמען פון דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר.

אויסער דעם וואס מיר פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, מוזן מיר אויך לערנען דעם רבינ'ס ספרים. אן אשר בנחל און עצתו אמונה איז זייער שווער צו לעבן ווען די גאנצע מעכטיגע ל"ג בעומר הדלקה איז שוין געבליבן בלויז א פארשעמטע בערגל פון אש מיט האלעוועשקעס. אן א ערליכער איד וואס זאל מיר חזר'ן יעדן טאג אז דער אייבערשטער איז דא, קען מען פשוט צופאלן, די בעטערי ווערט אויסגעלאשן, די ענערגיע קוואלן ווערן כסדר אויסגעשעפט, מ'מוז האבן אן ערליכער איד וואס רעדט נאכאמאל פון דעם באשעפער, דאס געבט כח אנצוגיין נאך איין טאג.

ספר תיקוני זוהר פונעם ראש ישיבה אריינגעצייכענט די סיומים



דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א האט זיך געשטעלט שבת ביי סיפורי מעשיות אויף דעם וואס דער רבי האט דערציילט, אנפאנג פון די ערשטע מעשה אז די טאכטער פון מלך איז געווארן פארלוירן.

האט ר' אברהם משה געזאגט אז יעדן טאג ווערן פארלוירן טויזנטער נשמות ווייל מענטשן ווייסן נישט דעם לימוד וואס דער הייליגער תנא האט געלערנט אין די מערה.

וויאזוי איז זי געווארן פארלוירן? ווייל איר טאטע האט געקוקט אויף איר נישט גוט, ווען איר טאטע וואלט געקוקט גוט אויף איר וואלט זי נישט געווארן פארלוירן.

נאך צוועלף יאר איז רבי שמעון בר יוחאי ארויס און נישט געקענט פארשטיין ווי מענטשן אקערן און ארבעטן פעלד ארבעט, ווי קען זיין אזא זאך? פארוואס לעבן זיי נישט די הייל לעבן? מ'לערנט א גאנצן טאג, מ'עסט איין עסן וואס וואקסט אויף א בוים דערנעבן און מ'טרינקט איין טרינק, וואסער, צוועלף יאר אין א צו.

דער אייבערשטער זאגט אים, דו פארברענסט מיין וועלט. עס דרייען זיך ארום אן א שיעור פארברענטע נשמות, וואס טראכטן אויב איך לעב נישט די הייל לעבן בין איך גארנישט ווערד.

ס'איז א אדורך נאך א יאר, רבי שמעון קומט ארויס און זעט א איד מיט צוויי הדסים, און ער איז עס אזוי מחשיב, רבי שמעון לערנט אונז די "יעדע-קליינע-זאך-איז-חשוב" לעבן. הדסים אויף שבת איז חשוב, קושן די מזוזה איז חשוב, א פעני אין די פושקע איז חשוב, און אז מ'גרייט אן בייגאכט א שיסל מיט וואסער פאר נעגל וואסער איז מען א קדוש! יא! אזוי שטייט אין זוהר! וואס איז די דרכה פון הייליגן תנא אלקי רבי שמעון? נעגל וואסער! יעדע קליינע זאך איז חשוב! ווען איר וואלט

צו האב איך דיפאזיטעד אין באנק א טיש? א קלאץ? א זעקל מיסט? א טוץ מיט צייטונגען? א האלבע שעה הערן אנאליזן אין די נייעס איבער'ן טויט פון דעם איראנער פרעזידענט?

געשטאנען דארט ווי רבי שמעון רעדט צו דעם איד מיט די הדסים וואלט איר זיכער געטראכט אז אויב רבי שמעון איז אים מחזק מיט אזא זאך ווי הדסים אויף שבת, מוז זיין אז ער איז פון די שוואכע... אבער רבי שמעון האט אן אנדערן בליק! ביי די תנאים ואמוראים איז יעדער איד חשוב! נישטא קיין שוואכע! א איד איז נישט פון די שוואכע....... א איד איז חשוב און טייער, א איד איז א בן יחיד ביים אייבערשטן, א איד איז בשבילי נברא העולם, פאר מיר איז באשאפן די גאנצע וועלט.

אז מ'קוקט מיט אזא בליק קען יעדער איינער מחזיר למוטב זיין די גאנצע וועלט!

געב אכטונג דיין טאכטער און דיין זון זאלן נישט ווערן פארלוירן!

מיר מוזן זען דאס גוטס אין זיך און אין יעדן וואס קומט אין בארירונג מיט אונז.

א תלמיד היכל הקודש מוז יעדן טאג מאכן א דיפאזיט אין באנק, מיין אקאונט מוז וואקסן יעדן טאג, אפילו בלויז א טראפעלע אבער ס'מוז וואקסן, אז איך זאג איין פרק משניות, (ס'נעמט צוויי מינוט! ווייניגער ווי רייכערן א ציגארעטל, אדער טרינקען א קאווע!) דאס מיינט מיין אקאונט איז געוואקסן היינט.

א תלמיד היכל הקודש מוז יעדן טאג מאכן א חשבון, הייליגער באשעפער וואס האב איך היינט דיפאזיטעד אין באנק? צו האב איך דיפאזיטעד אין באנק א טיש? א קלאץ? א זעקל מיסט? א טוץ מיט צייטונגען? א האלבע שעה הערן אנאליזן אין די נייעס איבער'ן טויט פון דעם איראנער פרעזידענט? וואס האב איך היינט דיפאזיטעד? וואס איז מיר געבליבן פון די היינטיגע טאג? זע איך אפשר אויס ווי דעם שוטה חעזקעלע וואס ברענגט אין באנק א קלאציגע טיש געטראגן פון זעקס שוויציגע ארבעטערס וואס די באנק נעמט עס ניטאמאל אן? צו בין איך דער נארעלע וואס די סעקיורוטי פירט אים ארויס פון באנק מיט בזיונות בפני כל עם ועדה?

באשעפער העלף איך זאל זאגן משניות יעדן טאג פון לעבן.

מעשיות פון תפילה

שלום אלי' אינדיג

מאנטריאל

ברוך השם דער אייבערשטער העלפט מיר אז איך בין זוכה צו זיין א שליחא דרחמנא - א מפיץ א מזכה את הרבים. דא אין קאנאדע אויב מען דארף האבן ספרים דארף מען ברענגען פון ניו יארק, ברוך השם אז אנשי שלומינו העלפן אלץ ארויס, ווען איינער קומט אויף קאנאדע, ברענגען זיי אלץ מיט די ספרים וואס איך בעט.

יעצט איז געווען א צייט וואס האט מיר געפעלט געוויסע ספרים און יו עס בי'ס, און איך האב געטראכט אז קיינער קומט יעצט נישט אויף קאנאדע ווייל ס'איז נאך פסח און אויף פסח זענען אלע אינגעלייט געווען ביי די עלטערן, עס האט נישט אויסגעזען אז איינער גייט קומען

וואס טוט מען אין אזא פאל? מען בעט דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף איך זאל קענען האבן די נויטיגע ספרים וואס איך דארף, עס זאל זיך מאכן א גוטע וועג די ספרים זאל אנקומען צו מיר".

איך האב אריינגערופן אין קרן הדפסה און געמאכט א ארדער פון ספרים, יו עס בי'ס און סידו'ס, ווען איך האב געענדיגט די ארדער האב איך געטראכט אז אויב מען גייט עס שיקן מיט א פרעמדער מענטש וועט עס קאסטן אסאך געלט, במילא האב איך ארויסגעשניטן האלב פון די ארדער.

נאכן מאכן די ארדער האב איך געטראכט אז איך וועל עס שיקן אויף קרית יואל וואס פון דארט איז דא א וועג קיין קאנאדא, און לכאורה וועט עסט קאסטן געלט. למעשה ביינאכט רופט מיר אן מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו אז ער קומט פון שטעטל אויף קאנאדע כדי צו אויפפיקן זאכן, און ער פרעגט מיר אויב איך וויל ער זאל מיטנעמען ספרים ווייל ער קען מיר ברענגען ספרים ווען ער קומט, שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן אזא געשמאקע וועג און אז איך קען נעמען די גאנצע ארדער,

ווייל ער וועט מיר נישט בעטן קיין געלט דערפאר.

שכח אייבערשטער איך האב געהאט א גרינגע וועג צו ברענגען די הייליגע ספרים צו פארשפרייטן דא אין קאנאדא, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז דעם רבינ'ס דיבורים זאל אריינגיין אין די וועלט און ליכטיג מאכן יעדן איינעם בכל מקום שהוא.

נפתלי הירצקא וואללנער

וויליאמסבורג

שכח אייבערשטער אז מען האט אנגעהויבן צוזשטעלן שבת סעודות אין ישיבה, וואס ביז דאן איז מען געווען אנגעוויזן אויף די גוטהארציגקייט פון אנשי שלומינו.

לעצטע וואך פרשת אמור איז נישט געווען קיין פיש ביי די סעודה, עס איז געווען טונא וואס איז אויך פיש אבער לכבוד שבת האב איך געוואלט עסן געהעריגע פיש.

איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען האבן פיש אויף שבת, האט מיר דער אייבערשטער אריינגעשיינט אז איך האב א ברידער וואס דינט אלס הויז בחור ביי אדמו"ר מ'סקולען וויליאמסבורג שליט"א און ביים טיש געבט מען דאך פיש וועל איך ניצן מיין ברידער'ס פראטעקציע אראפצונעמען אביסל פיש.

למעשה איז געווארן שפעט ביז מען האט געענדיגט די סעודה אין ישיבה, און איך האב געטראכט אז מען האלט שוין זיכער אינמיטן כל מקדש ווייל עס איז שוין געווען נאך איינס אזייגער, האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן פיש אויף שבת.

שכוח אייבערשטער אז ווען איך בין אנגעקומען האט מען ערשט דעמאלט אנגעהויבן מאכן קידוש, און איך האב געהאט ברוך השם פיינע פיש, און נאך שיריים אויך.

אברהם אלי' פרידריך

וויליאמסבורג

.

1. נאך אסאך תפילות האב איך זוכה געווען היי יאר צו זיין ל"ג בעומר אין מירון דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן. מוצאי שבת זענען אריינגעקומען א מחנה פאליצייי ביי אונז אין חצר צו ארויסטרייבן פון מירון, מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן אוועקגיין פון דא, מיר האבן צוגעזאגט צדקה פאר 'מוסדות היכל הקודש - רבי מאיר בעל הנס', ווי אויך אז מ'גייט עס מפרסם זיין אינעם בלעטל, אזוי איז אדורך אפאר מינוט און זיי זענען נאך אלץ געווען אינעם חצר זוכענדיג פאר קרבנות, האבן מיר אפגעמאכט אז יעצט גייט מען זיך נעמען דאנקען דעם אייבערשטן אז מ'איז אנגעקומען אין מירון, און אז ס'איז געווען אזא שיינע שבת ביי רבי שמעון און אזוי ווייטער.

נאך אפאר מינוט האט פאסירט דאס אומגלויבליכע אז זיי האבן זיך אויסגעדרייט און פשוט ארויסשפאצירט פונעם חצר. שכח אייבערשטער.

2. אינמיטן דעם פרייליכן טאג ל"ג בעומר ווען די ציון איז געווען פארמאכט, בין איך ארויף צום ציון מיט נאך אפאר אינגעלייט פון אנשי שלומינו, מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל אונז ארויפלאזן אן קיין פראבלעמען, אפילו עס איז שלא כדרך הטבע אז מען זאל אונז אריין לאזן אין אזא מצב.

מ'קומט אן צום ציון און דארט זיצן אפאר פאליציאנטן אז מען זאל נישט גיין ווייטער, וואס טוט מען דא? למעשה האט איינער אפגעמאכט צו גיין ווייטער אפילו זיי זיצן דארט, און ס'איז אדורך בשלום, זיי האבן גארנישט געטון, און ער ווייזט אונז אז מיר זאלן עס אויך נאכטון, קום קום

אזוי האבן מיר טאקע געטון, און די זעלבע נס האט פאסירט ביי אונז, מיר זענען אדורך, זיי זענען געזיצן דארט פארטיפט אין זייער טעלעפאון, אזוי האבן מיר זוכה געווען אנצוקומען צום ציון און זיך גוט אויסבעטן פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

א מעשה פון א צדיק

אִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן דֶעם שְׁטְרִיק

דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם זי"ע אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, אוּן דָארְטְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעוואוֹינְט דִי גְרֶעסְטֶע לֵיצִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אִין עֶס פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְקוּמֶען דָארְט צְוֵויי צַייטוּנְגֶען, 'הַבּוֹקֶר' אוּן 'הַשַּׁחַר', וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע קֶעמְפֶער קֶעגְן דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֵף'ט, וַוייל אַז אֵיינֶער וִויל זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן, הָאט מֶען אִים פַיינְט, אוּן מֶען רוֹדֵף'ט אִים,

אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אִים גֶעוָואלְט רַחְמָנָא לִצְלָן אוּמְבְּרֶענְגֶען, נָאר דֶער שַׂר רֶבִּי מֹשֶׁה מַאנְטִיפְיוֹרִי זַ"ל הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט מִיט גֶעלְט בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג, אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט הַרְגֶ'ענֶען נָאר מֶען זָאל אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אַרוֹיסְוַוארְפְן אִיז עֶרְגֶער וִוי הַרְגֶ'ענֶען, וַוייל הַרְגֶ'ענֶען הָאט עֶר נָאר אֵיינְמָאל צַעַר, אָבֶּער אַ רָב אַז מֶען וֶועט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן בִּזְיוֹנוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן,

אַזוֹי הָאט מֶען לֵיידֶער גֶעטוּעֶן, מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוַוארְפְן פוּן שְׁטָאט נֶעבֶּעךְ מִיט בִּיזַי בִּזְיוֹנוֹת, עֶרֶב שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, כְּדֵי עֶר זָאל דַארְפְן מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין, [אַזוֹי וִוי דֶעם הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעוַוארְפְן פוּן פִּינְסְק עֶרֶב שַׁבָּת,] מֶען הָאט אִים אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין אַ מִיסְט וָואגְן, [אַזוֹי וִוי הַיינְט אַ גַארְבִּיד"ש טְרָא"ק,] אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אֵיינֶער פוּן דִי עַשִׁירִים פוּן שְׁטָאט, מִיטְן נָאמֶען 'זְשָׁאסֶעף', אַ גְרוֹיסֶער עַזוּת פָּנִים, קוּמְט עֶר צוּ, מִיט אַ חַזֶר'ל, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: רֶבִּי, אִיר פָארְט דָאךְ אַוֶועק יֶעצְט פַאר שַׁבָּת, דָא הָאט אִיר עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת!

השר משה מאנטיפיורי ז"ל

הָאט זִיךְ דֶער מַלְבִּי"ם אָנְגֶערוּפְן: יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן דֶעם שְׁטְרִיקְל! עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען לַאנְג אוּן אַ וִוילְדֶער חַזִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן וַואלְד, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ פַארְצוּקְט פוּן אִים צְוֵויי קִינְדֶער, אוּן זֵיי צוּרִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אֲפִילוּ דִי בֵּיינֶער.

דִי זֶעלְבֶּע שִׂנְאָה אוּן לֵיצָנוּת קוּמְט פָאר אִין יֶעדְן דוֹר, אוֹיף דִי אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר מִיט אַ אַנְדֶערְן שְׁלֵייעֶר. מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז בִּזְיוֹנוֹת אוּן לֵיצָנוּת אִיז אַ בִּיטֶערֶער עֵסֶק, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען אָדֶער מַאכְן בִּזְיוֹנוֹת פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קונטרס וואס איד נייעס)

דעם היילִיגן רבִּינ'ס לעבנסגעשִׁיכטע

ע"ז

פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דִי שׁוּתְּפִים ר' מֹשֶׁה חִינְקֶעס אוּן ר' אַבְרָהָם פֵּייעֶס זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אוּן גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע הָאט גֶעבֶּעטְן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז זֵיי גֵייעֶן אִים שַׁאפְן אַ רֶענְדְל יֶעדֶע וָואךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ אוּן גֶעשְׁלָאסְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע צוּ בְּרֶענְגֶען זַיין מִשְׁפָּחָה קַיין בְּרֶסְלֶב.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט צוּ זַיין חַזָן, ר' חַייקְל, "אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּמֶען מִיט מִיר וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ חִידוּשׁ אִין מַיין זַאךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אַ חִידוּשׁ אִין דַיין זַאךְ [אִין חַזָנוּת]!", עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט.

שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, וֶוען דִי וֶועגֶענֶער זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען פוּן בְּרֶסְלֶב אִים צוּ טְרָאגְן אַהִין, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט, "אִין דִי שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע הָאבּ אִיךְ גֶעלִיטְן צְוֵויי מָאל גֵיהִנוֹם, וַוייל דִי שְׁטְרָאף פוּן רְשָׁעִים אִין גֵיהִנוֹם אִיז דָאךְ נָאר צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, אוּן דָא הָאבּ אִיךְ גֶעלִיטְן יִסוּרִים פַאר צְוֵויי יָאר".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "בִּיז יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען "בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ" (וַיִקְרָא י"ג, מ"ו), אָבֶּער יֶעצְט גֵיי אִיךְ אַרַיין אִינֶעוֵוייניִג, פוּן יֶעצְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן גוּטְס טוּן מִיט מִיר".

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח אָב, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, וַוייל וֶוען מְ'פָארְט פוּן זְלַאטִיפָּאלֶע קַיין בְּרֶסְלֶב מוּז מֶען דוּרְכְפָארְן דִי שְׁטָאט אוּמַאן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אוּמַאן, אִיז עֶר דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם אַלְטְן בֵּית הַחַיִים, וָואס דָארְט זֶענֶען בַּאעֶרְדִיגְט גֶעוָוארְן דִי קְדוֹשִׁים וָואס זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם רָשָׁע גַאנְטֶע אוּן דִי הֵיידַאמַאקְן, יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם, אוּם ו' תַּמוּז תקכ"ח. דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי גוּט אוּן וִוי שֵׁיין אִיז צוּ לִיגְן אִין דֶעם בֵּית הַחַיִים". עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַחַיִים, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעוִוויסֶע פְּלַאץ אוּן אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַבִּיסְל, זַיין פָּנִים אִיז זֵייעֶר רוֹיט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "דָא אִיז גוּט צוּ לִיגְן", אוּן דַאן אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם וָואגְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפָארְן אִין שְׁטָאט.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי חֶלְקָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער פְּלַאץ פוּן זַיין הֵיילִיגְן צִיוֹן אִין אוּמַאן, אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען פוּנְקְטְלִיךְ אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעזָאגְט "דָא אִיז גוּט צוּ לִיגְן!"

[דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי קְדוֹשִׁים פוּן אוּמַאן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אִין יָאר תקכ"ח; אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי דָוִד חַזָן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט אַמָאל בַּאזוּכְט אִין אוּמַאן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אִים, אוּן אִים גֶעזָאגְט, "אַסַאךְ אִידְן וֶועלְן זִיךְ רַאטֶעוֶועןאִין אֵייעֶר גַארְטְל".

עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הֵייל דָארְט אִין אוּמַאן, וואוּ עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע טֶעג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. זַיין עֲבוֹדָה אִין דֶעם הֵייל אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵייל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר לַאנְג, סְ'הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פוּנֶעם "טוֹיטְן בְּרִיקְל", דֶער בְּרִיק וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ נֶעבְּן דֶעם אַלְטְן בֵּית הַחַיִים וָואס דָארְט הָאט מֶען גֶעטְרָאגְן דִי מֵתִים, בִּיז צוּם גְרוֹיסְן וַואלְד וָואס מְ'הָאט גֶערוּפְן "דָאס גְרֶעקִיוֶוער וֶועלְדְל".

וַיְהִי הַיוֹם, אִין יָאר תקכ"ח, אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ רוֹצֵחַ מִיטְ'ן נָאמֶען גַאנְטֶע, יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ, אוּן עֶר הָאט רֶעוָואלְטִירְט קֶעגְן דֶעם קֶענִיג.

וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

מיט א טיפערן בליק

עכטע ברסלב'ער תנועות

ישראל דוד העסקעל

קענסט מיין חבר אדער קענסט נישט מיין חבר? כ'מיין 'חבר'.... מיר האבן געלערנט אין די זעלבע ישיבה פאר עטליכע חדשים.

יעדער וואס האט זיך דורכגעדרייט די ישיבה וואו דו האסט געלערנט איז שוין געווארן דיין לעבנס חבר? ניין בכלל נישט.... רוב בחורים געדענק איך נישט אפילו זייערע נעמען, אבער א בחור אזא (אומ)געלונגענער ווי - איך וויל נישט שרייבן זיין נאמען ווייל ער קען זיך נאך באליידיגן... - לאמיר אים רופן חיימ'ל, אזאנס פארגעסט מען נישט אזוי שנעל.

וואס הייסט? אה יא דער חיימ'ל בכלל נישט קיין שלעכטע קינד געווען אדער א טראבל מעיקער, ער איז נישט געדענקבאר פאר עפעס ווילדע שטיק וואס ער האט אנגעדרייט, אויב עפעס פארקערט! ער איז געווען גאנץ א שטילער נישט קיין רודערער בכלל, נאר וואס יא?

א גרויסער טיפוש, אבער נישט א טיפוש ווי אזוי דו משל'סט זיך יעצט אויס א טיפוש, נאר אן אמת'ער טיפער נַאר, א גאון אין זיין א חולם!

חיימ'ל פלעגט אלץ זוכן ווער איז דער גרעסטער רייסער און פלעגט פרובירן יענעם נאכצומאכן עד הסוף! אויב האט חיימ'לס פלינקע אויג אויפגעכאפט אז ס'האט אריינשפאצירט א בחור וואס איז פון די חברה, די ריעל פּיפּעל, א בחור פון די מער אריסטאקראטישע הויכע קלאס.... פלעגט חיימ'ל אים שטודירן עד הסוף, ווען נעמט ער א קאווע, אויף וועלכע האנט ליגט זיין זייגער, אין וועלכע געשעפט קויפט ער זיינע קליידער, ממש יעדע איינצלהייט, און חיימ'ל פלעגט עס נאכמאכן!

וואס ווילסטו פון חיימ'ל? ער וויל אויך זיין פון די קנאקערס, פון די רייסערישע בחורים, ער וויל אויך זיין א מענטש צווישן מענטשן אז ווען ער שפאצירט אריין זאל אויך יעדער אים ארומנעמען און וועלן הערן פון אים זיינע קלוגע ווערטער.

אויפגעגעבן האט חיימ'ל קיינמאל! ער פלעגט יעדע פאר וואכן טוישן ווער ס'איז מער פאפולער און יענעם פלעגט ער נאכמאכן מיט די האפענונג אז אפשר פארט וועט ער זיך אויך קענען מיט כאפן און ווערן פון די ריכטיגע געלונגענע חברה.

ס'האט אבער פארשטייט זיך קיינמאל נישט פאסירט...

יארן זענען אריבער און חיימ'ל האט חתונה געהאט, זיין רייך און גלוסט צו קענען זיין פון די קילע חברה פון די פעסטע מויל מאכערס האט זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט, אויב עפעס פארקערט, ער איז געווארן ממש אבסעסד מיט דעם...

ער האט פארמאגט א קלארע טאקטיק ווי אזוי ער וועט אהין אנקומען - ער גייט טון אלעס וואס די פעסטע חברה טוען און אויסנאם!

פארוואס האב איך זיך יעצט דערמאנט פון אים?

ווייל לעצטע וואך קומט מיר אן א ריזיגע שווארצע ענוועלאופ ביים טיר מיט א גרויסע מאנאגרעם אויף דעם, איך בין גאר נייגעריג געווארן וועלכע עושר ווייל מיך האבן ביי זיין חתונה...

איך רייס אויף דעם ענוועלאופ, כיס בתוך כיס דארף איך דורכגיין ביז איך קום שוין אן צום חתונה בריוול און ס'שטעלט ארויס אז די גאנצע זאך איז א סקעם, נישט דא קיין חתונה!

נאר וואס? חיימ'ל מאכט אן אפשערן פאר זיין בכור.... חיימ'ל טעיקס לייף ווערי סיריעס, נישטא קיין מעשיות, א אידישע שמחה וועט זיין א אידישע שמחה צום געדענקען!

ס'איז געווען א פארטי פלענער וואס מ'האט אימפארטירט פון איטאליע. בלומען, א חופה... יא א חופה פארן דריי יעריגס פאר פיקטשער פּורפּוסעס... באלונען, קיכן פון עטליכע שטאק, און דאס אלעס איז נאר ביים ארייננאנג!

אריינקומענדיג אויבן האב איך נישט געגלייבט וואס איך זע! ביימער, לעבעדיגע חיות, א סטעידש מיט מוזיק, פיר זינגערס יוש! וואו הייבט מען בכלל אן צו טראכטן?!

איך נעם א טעלער און שטעל זיך אין די שורה ביים באפפעי וואס איז געווען באלד א מייל לאנג, גראד זעה איך איין אז איך גיי ברויכן מינימום דריי טעלערס... קודם איז געווען די סושי סטאנציע פון אלע מינים נעמען פון פיש וואס איך האב קיינמאל געוואוסט אז ס'עקזעסטירט בכלל...

פארשטייט זיך אז אויב ביים ריזן סעלעקציע האסטו גארנישט געטראפן וואס שמעקט דיר, איז געווען דארט גרייט א יאפאנעזער גוי וואס וועט דיר צו שטעלן וואס דיין דמיון וועט נאר פארלאנגען...

גייענדיג ווייטער איז געווען די מער באורינג זאכן ווי מיני פולד ביף פיצא, פעסטראמי עגג ראולס, קוגל, יאפטשיק, האלעפטשעס (די קעיטערער האט לכאורה געהאט שיריים צו פטור ווערן...) סליידערס מיט עטליכע אפציעס, א טאפ טשולנט צו קאווערן די בעסיקס און אזוי ווייטער...

ביים נעקסטן סטאנציע איז געווען סעלעדס יעדע מין וואס דו קענסט נאר טראכטן, נו דאס קענען זיי לייגן אין ווייבער שול, דאס רעדט בכלל נישט צו מיר... און דא קומען מיר אן צום הויפט סטאנציע - - די בָּקָר! שטיקער אויף שטיקער- רויע, געפרעגלטע, געבראטענע, געבאקענע, יו נעים איט, איז געווען דארט...

שטייענדיג ביים פליישל בודקע ווארטנדיג פאר דער מיטן גרויסן היטל זאל מיר פארענדיגן מיין סטעיק אויף מידיעם ריר, הער איך זיך אונטער ווי אזוי די אנדערע שושבינין רעדן זיך צונויף דארט.

וויפיל קומט ער דיר? וואס, א פערטל

מעלוינע? פששש איך דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז ביי מיר האט ער נאר געבארגט א פופציגער... העהע איך עס מיך אן דא און איך נעם עס אראפ פונעם חוב....

מיין עסן איז שוין גרייט, איך זעץ מיך צום טיש מיט געמישטע מחשבות... וואס איז די מעשה מיט דעם חיימ'ל? איז ער גאר א ווילדער עושר אדער גאר א ווילדער בעל חוב? איז ער געווארן קלוגער זייט איך בין געווען מיט אים אין ישיבה, אדער איז ער גאר געווארן צען מאל אזא טיפּוש?

איך ציטער איינעם צו פרעגן, איך וויל נישט קיינעם באליידיגן, איך זיץ מיר דארט ביים עק טיש גוט פארוואונדערט, דערווייל איז די פערד און וואגן שוין אנגעקומען מיט דעם חאלאקע אינגעלע, אוי ווי קיוט....

די אפשערן פארטי איז שוין מער וויניגער געענדיגט, איך גיי ארויס אינדרויסן כאפן א ציגרעטל טראכטנדיג צו זיך "נא נא למעשה האט ער עס געמאכט.... ער שטעלט צו, דער עולם קומט, ס'איז נעקסט לעוועל, איך וואלט אויף אים דאס קיינמאל נישט גע'חלומ'ט".

איך צינד אן דעם ציגרעטל און קוק ווער ס'קומט מיט מיר צו דשוינען, און נישט מער און נישט ווייניגער דער מחותן אליין - חיימ'ל קומט מיט מיר כאפן א ציגארעטל!

"אזא שיינע אפשערן געווען, ממש איינס אין די וועלט".

"יא איך מוז זיין אן עושר" ענטפערט ער מיר.

"וואס הייסט דו מוזט זיין רייך, זיי מסביר?"

"קוק אהער, יעדער טוט וואס זיי קענען צו ווערן רייך, איך מאך נאך די עשירים און די געלט וועט שוין נאכקומען".

אוי א טיפּוש! טראכט איך צו מיר

דער רבי זאגט טאקע אז די עשירים זענען משוגעים אבער פון נאר זיין משוגע ווערט מען נאכנישט רייך...

חיימ'ל מיינט אז אויב וועט ער נאכטון יעדע צודרייטע זאך וואס דער עושר טוט וועט ער אויך ווערן אן עושר...

****

א מענטש קען גאר גרינג אויסקוקן ווי אונזער חיימ'ל, ער מאכט נאך תנועות, ס'קוקט אויס פון אינדרויסן אזוי שיין און מעכטיג, ער איז א עכטע ערליכער איד, אבער נישט די דרויסנדיגע תנועות איז וואס מאכט דעם מענטש זיין וואס ער איז.

דער רבי לערנט אונז אויס מיר זאלן זיך נישט נארן, קוק וואס דו האסט ביי דיר אין האנט, דו לערנסט יעדן טאג? האסט היינט אנגעטון טלית און תפילין? האסט זיך אויסגעשמועסט דיין הארץ מיט'ן אייבערשטן? דאס איז א ברסלב'ער חסיד, אלע זייטיגע זאכן און תנועות וואס דו זעסט ביי דעם אין יענעם, דאס האט שוין גארנישט מיט ברסלב, דאס איז שוין זיינע אייגענע זאכן...

דער ראש ישיבה האט געזאגט חול המועד פסח ביים דף שיעור: "א מענטש קומט אריין אין שול פינף אזייגער נאכמיטאג און זעט א ברסלב'ער חסיד לייגן טלית און תפילין, מאכט ער אים שוין אוועק, אה די ברסלב'ע זיי טוען גארנישט מיטן טאג, זיי שטייען אויף שפעט, זיי דאווענען שפעט נאכמיטאג. אבער דאס איז נישט ריכטיג, דאס וואס ער שטייט אויף שפעט, איז ווייל ער מוטשעט זיך מיט א יצר הרע וואס זאגט אים בלייב אין בעט, אבער דאס וואס ער קומט אין שול לייגן טלית ותפילין און דאווענען, דאס טוט ער ווייל ער איז א ברסלב'ער חסיד".

אייבערשטער העלף, מיר זאלן קענען זיין ביים צדיק און זיך נישט נארן, מיר זאלן קענען לעבן מיט לעבעדיגע לימודים ביים צדיק. אייבערשטער העלף אז יעדן טאג זאל איך דאווענען דריי תפילות און לערנען און רעדן מיט דיר זיך אויסשמועסן מיין הארץ ווי מיט א גוטע חבר! אייבערשטער העלף איך זאל אייביג קענען זיין 'אן עכטע ברסלב'ער חסיד'!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

ש.ל. פליישמאן

שיינער אין גראמען

ב' אמור תשפ"ד

אן אנגענעמע שפאציר

נאכאמאל א שיעור
די זעלבע ווי פריער.
און דאך איז עס ניי
פרישט אויף א מחי'ן!
ווי טל של תחי'
יעדע שיעור א זכי'!!!

די בהמות מ'פירט
א רואיג שפאציר.
אן קיין גערויש
א שטילע טויש
פונעם מוכר צום קונה אריבערגעגאנגען...
מיט פיל טראסט
זיך געלאזט
אריבערטראגן
צום אנדערן וואגן...

אבער דאגעגן
פונקט אנטקעגן
שטייט א מוכר
א בהמות סוחר
מכות רצח טוט ער דערלאנגען...

די בהמות שטייען
ער הייבט אן שרייען.
מיט זיין שטעקן
ברוטאל דערשראקן.

צווישן דיביידע א גרויסע חילוק...
די וואס גייען פרייוויליג;
רואיג צו רייטן
טוען פארמיידן

צער און ליידן...
אבער די וואס שטעלן זיך אנטקעגן,
וועלן סייווי אויך גיין די זעלבע וועגן...
אבער מיט מכות
שווערע אטאקעס
און הויכע צעקות...

אויב חס ושלום מען טענה'ט,
פארוואס פון וואנעט
קומט צו מיר א קינד
וואס זיין נאכ אים רינט...
פרנסה נאר ביי איר
מיין שכנה טיר ביי טיר...
נאר ביי מיר פונקט
א קלאג ליד מען זינגט...
באקומעט מען כסדר
מכות רצח ליידער...
און סייווי דער וועג מען גייט
אבער מיט פיין באגלייט...

פון הימל מען פירט
אונזער לעבנ'ס שפאציר...
ווי גוט איז אז מען לאזט,
דעם באשעפער מען טראסט,
מען **דאנקט** אויף **אלעס**.
מען פרעגט נישט שאלות...
ס'איז די זעלבע וועג טאקע,
אבער אן קיין 1 מכה...
נישט שטויסן נישט קלאגן
נאר שבח טאטע זאגן
מיט אמונה מען גייט
מיטן אייבערשטן באגלייט!!!

ועתה כתבו לכם

זכות פרשה מיוחדת $3600

וירא – עקידה

בשלח – שירת הים | פרשת המן
מו"ה יוסף פריעדמאן הי"ו

תולדות – ברכת יצחק
הרוצה בעילום שמו

יתרו – עשרת הדברות

ויחי – ברכת יעקב
מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו

כי תשא – פרשת הקטורת

זכות פרשה $1800

בראשית מו"ה הענך אינדיג הי"ו	**וארא** מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו
נח מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו	**בא** מו"ה אברהם צבי וועבערמאן הי"ו
לך לך מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו	**משפטים** מו"ה מרדכי היימליך הי"ו
חיי שרה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו	**תרומה** מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו
ויצא מו"ה יצחק אייזיק קאהן הי"ו	**תצוה** מו"ה יואל אפענהיים הי"ו
וישלח מו"ה אברהם דוד לאקס הי"ו	**ויקהל**
וישב מו"ה יעקב ראטטענבערג הי"ו	**פקודי** מו"ה הערשי זאבעל הי"ו
מקץ	**ויקרא** מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו
ויגש	**צו** מו"ה דוד פוקס הי"ו
שמות מו"ה דוד טשינגל הי"ו	**שמיני**
	תזריע מו"ה זאב סטרולאוויטש הי"ו

זכות ידיעה $1000

מו"ה שמעון עוזר מיטטעלמאן הי"ו	מו"ה שבתי מזרחי הי"ו
מו"ה משה ווייס הי"ו	מו"ה יוסף ווייס הי"ו
מו"ה אליהו זעלקאוויטש הי"ו	מו"ה שמואל גליקמאן הי"ו
מו"ה שמעון אביש הי"ו	

זכות ספ...

בראש...
מו"ה של...
גלאנדס...

שמ...

ויק...
מו"ה א...
שמן...

במ...

דב...
מו"ה ...
אונגא...

צו קויפן א זכות רו...

זכות פרשה מיוחדת $3600

בחוקותי ברכת פרנסה מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו	**נשא** ברכת כהנים	**ואתחנן** עשרת הדברות
עקב פרשת היראה	**האזינו** שירת האזינו מו"ה מרדכי יודא לעווין הי"ו	**וזאת הברכה** ברכת משה רבינו מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו לע"נ מוה"ר חיים זאנוויל בן ר' משה

זכות פרשה $1800

מצורה מו"ה יודא ליבערמאן הי"ו	**פנחס** מו"ה יוסף פעלדמאן הי"ו
אחרי מו"ה שמעון איינהארן הי"ו	**מטות**
קדושים מו"ה אלי' מזרחי הי"ו	**מסעי**
אמור מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו	**דברים**
בהר מו"ה משה לייב ניימאן הי"ו	**ראה**
במדבר	**שופטים**
בהעלותך מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו	**כי תצא** מו"ה יעקב שאול פיש הי"ו
שלח	**כי תבוא** מו"ה אלי' קנאלל הי"ו
קרח מו"ה יקותיאל יודא אפפעל הי"ו	**נצבים** מו"ה זלמן לייב מייזעלס הי"ו
חוקת מו"ה יודא ארי' ראטה הי"ו	**וילך** מו"ה שמעון פיש הי"ו מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו
בלק	

זכות עמוד $500

מו"ה אלעזר צבי שניטצלער הי"ו	מו"ה יואל משה פליישמאן הי"ו
מו"ה נפתלי בוים הי"ו	מו"ה שמואל בער שניטצלער הי"ו
מו"ה הלל ווייס הי"ו	מו"ה נחמן ישראל יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה יעקב הלל פארקאש הי"ו	מו"ה דוד אסקאל הי"ו
מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו	מו"ה אלי' ציג הי"ו
מו"ה שמואל ווייס הי"ו	מו"ה שמעון רוטה הי"ו
מו"ה יצחק אייזיק ראזאנבוים הי"ו	מו"ה שלמה רוטה הי"ו
מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו	מו"ה משה איינהארן הי"ו
מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו	

ואת השירה הזאת

תלמידי היכל הקודש

$5000

שית

למה זלמן
טיין הי"ו

מות

רא

אליעזר
הי"ו

דבר

רים

בני'הו
ר הי"ו

845-295-1500 ופט

dimcreatives.co

תלמידה בית פיגא ירושלים

תהילים ליד

וואס זאל איך טון אז איך קען נישט לערנען,
איך וויל אויך א צדיקת ווערן.
צו זיין ערליך גייט מיר אזוי שווער,
אינגאנצן צובראכן און מיאוש איך ווער.

שוין טויזנט מאל האב איך פראבירט,
אבער איך האב זיך גארנישט גערירט.
זיכער איז די עצה: א משניות נעם!
אבער וואס קען איך טון אנשטאט דעם.
די עצה טוט אין מיין אויער אפקלינגען,
נעם א תהילים און הייב אן זינגען.
רעד צום באשעפער ווי א קליין קינד,
די ווערטער פון תהילים ריינִיגט דאך פון זינד.

דער רבי זאגט ווען א קאפיטל תהילים מען זינגט,
איז עס אזוי ווי א גוטע פרישער טרינק.
מען איז זוכה צו שפירן אזא זיסע טעם,
פראביר עס אויס וועסטו עס איינזען אליין.

פזמון:
איך זאג א קאפיטל און נאך א קאפיטל,
דאס איז געבליבן מיין איינציגסטע מיטל.
דער אייבערשטער איז דא אין יעדן ארט,
ערווארט צו הערן פון מיר נאך א ווארט.

איך זאג א קאפיטל און נאך א קאפיטל,
איך ווין צום באשעפער ווי א קינד אזוי פיצל.
די גרעסטע געווער דעם יצר הרע צו דערשלאגן,
נאך און נאך תהילים זאגן.

אמירת תהילים מסוגל לתשובה,
אזוי חזר׳ט דאך שטענדיג דער ראש ישיבה.
תהילים ברענגט א קדושה אין מיר אריין,
אזוי ווי דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר״ן.

די בעסטע, זיסטע און געשמאקסטע זאך,
ווען איך מיש אריין אויך מיין אייגענע שפראך.
צווישן די פסוקים זאג איך מיינע ווערטער,
וואס קען זיין זיסער, וואס קען זיין בעסער.
פזמון:

דער רבי זאגט: ״מי שרוצה לזכות לתשובה יהיה רגיל באמירת תהילים״
(ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳ סימן ע״ג)

מעשיות פון תפילה

פ. ראטה
קרית ברסלב

איך האב א עלעקטריק אויווען וואס איז א יאר אלט, איך האב נישט געהאט די אפציע פון קאנוועקשן, און וואס איך האב געבאקן איז נישט גוט געלונגען, איך האב מיר פרובירט זיך אן עצה געבן אויף אן אנדערן וועג, אז איך האב געלייגט א ליידיגע קוקי פאפיר פון אויבן, כדי עס זאל גט געלונגען. נאך א שטיק צייט האב איך געטראכט אז איך גיי אנהייב צו בעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא האבן דעם אפציע אין די אויוון, און אויך אז האב איך געזאגט אז איך וועל ארייננשיקן די מעשה פון תפילה אינעם קרית ברסלב בלעטל אויב די קאמפאני וועט מיר וועלן געבן א נייע אויוון.

איך האב אריינגערופן די קאמפאני און זיי האבן געזאגט אז איך האב יא די אפציע, איך זאל דרוקן אפאר קנעפלעך אויפן אויוון, אזוי האב איך געטון, און עס האט אנגעהויבן צו ארבעטן אזוי ווי עס דארף צו זיין.

ש. ח. שטערן
ירושלים

עס איז מיר געווארן א פלעק פון שיך פוץ אויף א ווייסע דעקע, איך האב פרובירט אלע וועגן עס צו אראפנעמען, אבער עס איז נישט אראפגעגאנגען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אראפגיין די פלעק, און איך האב צוגעזאגט עס צו מפרסם זיין אין בלעטל. שפעטער האב איך גערעדט צו מיין שוועסטער און זי האט מיר געגעבן א עצה אז איך זאל עס וואשן מיט בראנפן, און שכח אייבערשטער די גאנצע פלעק איז אראפ.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן די עצה צו רעדן און בעטן פון דיר אלעס וואס מען דארף.

א גרויסן שכח פאר די שיינע בלעטל.

ל. לב
ירושלים

איך בין געזעצן אויפן קאוטש און אינמיטן זע איך נישט מער און נישט ווייניגער ווי א מייז לויפט ארום אין שטוב.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל קענען כאפן די מייז און ארויסטראגן פון שטוב, אויך האב איך צוגעזאגט א מעשה פון תפילה פאר די בלעטל, און שכח אייבערשטער עס זענען געכאפט געווארן ביי די פאסטקע דריי מייז.

נאכן כאפן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל מער נישט קומען נאך, און איך זאל מצליח זיין צו פארשטאפן די לאך כדי זיי זאלן נישט קענען ארויסקומען, און שכח אייבערשטער אז איך האב מער נישט געזען קיין זכר פון מייז ביי מיר אינדערהיים.

845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com



ביזנעס קארדס אלע סייזעס פאר גוטע פרייזן.
ביטע רופט 845-640-1160

א שיינע איין בעדרום דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר
א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש
געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אוועליבעל צו דינגען פארן זומער.
איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

בילדער
אפטיילונג

סיום פרק איזהו נשך ביים טעגליכן שיעור
פון מו"ה יעקב לעזער שליט"א

חשובע אינגעלייט פון אנשי שלומינו ביים ארויסהעלפן מיט די וואלן
אין שטעטל און געבן אנווייזונגען פאר אנשי שלומינו וויאזוי צו שטימען

אסיפת הנהלת המוסדות
ירושלים

ישיבת היכל הקודש ירושלים
ביים ציון ר' יוחנן הסנדלר

קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג קומען
צוריק אין חדר נאכן פארברענגען געשמאק אין פארק

פסח שני פארברענג אין היכל
הקודש לינדן - ג' בהר תשפ"ד

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק

דער ראש ישיבה שליט"א דאוונט מנחה אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק

קרעדיט: יואל שעכטער

קרעדיט: דוד דייטש

דער ראש ישיבה שליט"א געבט א שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק

קרעדיט: יואל שעכטער

דער ראש ישיבה שליט"א ביים שמועסן מיט אנשי שלומינו אין בני ברק - ב' בהר תשפ"ד

קרעדיט: איציק

זיצונג אין שטוב פון מו"ה יואל לעווי הי"ו מיטן מנהל המוסדות מו"ה יצחק פאפנהיים וועגן עפענען א בית פייגא אין בני ברק

קרעדיט: שמעון פיש

קרעדיט: שמעון פיש

אנשי שלומינו אין בני ברק ביים געבן שלום

**דער ראש ישיבה שליט"א דאווענט און לערנט מיט
די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים אין מירון**

**מען גרייט אן עסן ביים הכנסת אורחים
קארלסבורג אין מירון**

קרעדיט: משה ראזנבערג & שמעי' וואקס

קרעדיט: יוסי פרערויא

**דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון פון
מוהרא"ש אין יבנאל - ד' בהר תשפ"ד**

דער ראש ישיבה שליט"א ביים שמועסן
מיט אנשי שלומינו אין יבנאל

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין
תלמוד תורה היכל הקודש טבריה

דער ראש ישיבה שליט"א געבט א שיעור
אין ביהמ"ד היכל הקודש טבריה

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס
מיט די מלמדים פון טבריה

דער ראש ישיבה שליט"א דאווענט
מעריב אין ביהמ"ד היכל הקודש טבריה

דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון ר' מאיר בעל הנס י"ד אייר פסח שני

דער ראש ישיבה שליט"א ביי די מערה פון ר' שמעון בר יוחאי

הדלקה אינעם חצר פון ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ל"ג בעומר תשפ"ד

הדלקה אינעם חצר פון ביהמ"ד היכל הקודש טבריה - ל"ג בעומר תשפ"ד

דער ראש ישיבה שליט"א טאנצט אינעם חצר פונעם
מערה אין מירון - מוצש"ק בהר - ל"ג בעומר תשפ"ד

הדלקה אין קארלסבורג'ער הויף אין מירון
א' בחוקותי - ל"ג בעומר תשפ"ד

הדלקה ביים חצר פונעם מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א אין שטעטל - ל"ג בעומר

קרעדיט: אייזיק ראטה

הדלקה אין שטעטל - א' בחוקותי - ל"ג בעומר תשפ"ד

קרעדיט: אייזיק ראטה

סעודת הילולא און סיום ספר הזוהר דורך מו"ה הערשל שניצלער הי"ו אין שטעטל

מו"ה רפאל פורסט הי"ו איז מסיים תיקוני זוהר ביים סעודת הילולא אין שטעטל

אפשערן פאר הילד אשר לעמיל ב"ר מרדכי הערצאג אין מירון

תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי ביים מעמד הדלקה לכבוד ל"ג בעומר

הדלקה פאר די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל

היכל הקודש בית שמש זיך אריינגעצויגן אין א נייעם שטיבל בשעת טובה ומצלחת - בהר תשפ"ד

קינדער בלעטעל
האלט ענק געשפאנט!
דראמאטישע קאמיקס
אנגעהויבן פון קומענדיגע וואך בעזר השם
די שבועות פארמעט ווערק וועט ערשיינען אין ירצה השם אינעם שבועות בלעטל!

מעשה׳לעך פאר קינדעלעך

הֲפָּצָה, הֲפָּצָה, הֲפָּצָה

גְעוַואלְד...! אוֹי וַויי...! מֶען טְרָאגְט רֶבִּי נָתָן אִין תְּפִיסָה...!

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעוַויינְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן; דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶעפִירְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט מִיט קֵייטְלֶעךְ.

גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעזוּכְט וִוי זֵיי קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים; זֵיי הָאבְּן גֶע׳מַסָרְ׳ט רֶבִּי נָתָן אַז עֶר דְרוּקְט סְפָרִים אָן רְשׁוּת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג. דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעבִּינְדְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן שְׁטוּב.

וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן רֶבִּי נָתָן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעפַּאטְשְׁט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז רֶבִּי נָתָן גֵייט אִין תְּפִיסָה. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוַויינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ רֶבִּי נָתָן: ״רֶבִּי, וָואס זָאלְן מִיר טוּן? רֶבִּי, וָואס קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן? רֶבִּי, וָואס וֶועט זַיין וַוייטֶער...?״

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט?

״הֲ פָּ צָ ה ! ! !״

״אַייעֶר זַאךְ זָאל זַיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט ! ! !״

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן; עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דִי פָּאלִיצֵיי, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּן דִי אַלֶע זַאכְן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״אֵיין זַאךְ מִיט וָואס מֶען קֶען מִיר הֶעלְפְן, מִיט הֲפָּצָה, מִיטְ׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט״; וַוייל וֶוען אַלֶע וֶועלְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן טוּן דִי עֵצוֹת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין צָרוֹת.

מֶען הָאט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט רֶבִּי נָתָן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין תְּפִיסָה, נָאכְדֶעם הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי׳ן. שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּן אַלֶע וֵוייסְן פוּן רֶבִּי׳ן, אַלֶע לֶעבְּן פוּן רֶבִּי׳ן; נָאר בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דֶער גְרוֹיסֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן, אוּן פוּן דִי מִתְנַגְּדִים אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער לִיגְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר פָּאלְגְן רֶבִּי נָתָן, לָאמִיר גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן רֶבִּי נָתָן, לָאמִיר גֵיין הֲפָּצָה, לָאמִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט אוּנְז אוּן קֶען אוּנְז הֶעלְפְן.

לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: ״עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר אוּן קֶען מִיר הֶעלְפְן, הֲרֵינוּ מְקַשֵּׁר אֶת עַצְמִי לְרַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא בֶּן שִׂמְחָה״.

מִיט הֲפָּצָה וֶועט אִיר מִיר הֶעלְפְן

דעם

רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד

ברסלב'ע חידות

דער הייליגער רבי' האט געזאגט: מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס קען מען זיין אן ערליכער איד. נישט סתם אן ערליכער איד נאר

א. אן אמת'ער עובד השם
ב. א גרויסע רבי'
ג. א ריכטיגע פליטע
ד. אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד

ענטפערס פון פאריגע וואך:

חידה: א. פרנסה.

שיחה: ווי ווייט איז פונעם מויל ביזן הארץ?...

און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

יוסי אינדיג נ"י - קרית ברסלב

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

ה. מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הֲנָאָה מִדִּבּוּר שֶׁל אֶפִּיקוֹרוֹס, אֲפִלּוּ שֶׁאֵינוֹ מִדִּבְרֵי אֶפִּיקוֹרְסוּת, עַל יְדֵי זֶה בָּא לְהִרְהוּרֵי עֲבוֹדָה זָרָה.

וֶוער עֶס הָאט הַנָאָה פוּן עֶפֶּעס וָואס אַן אֶפִּיקוֹרוֹס הָאט גֶעזָאגְט, אֲפִילוּ דִי רֵייד זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶועןקֵיין אַפִּיקוֹרְסוּת, בְּרֶענְגְט דָאס אִיז צוּם טְרַאכְטְן פוּן עֲבוֹדָה זָרָה.

שרייב טישל

טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **אנגרייטן הערליכע בלומען לכבוד יום טוב שבועות!**



טרעף די ווערטער

לכבוד דעם הייליגן יום טוב שבועות ווען מיר אלע גייען באצירן אונזער שטוב מיט הערליכע בלומען, טרעף צו וויפיל מאל שטייט

*****בלומען*****

(דאסווארט 'בלומען' מיט דריי בלומען בייביידע זייטן) אינעם קעסטל.

*	*	*	ב	ל	ע	נ	*	*	*	א
*	ת	*	ל	ב	*	*	*	*	*	ו
*	נ	*	*	ל	מ	*	*	ז	*	ס
*	ג	מ	*	ו	*	*	נ	ו	*	ה
*	*	*	*	מ	ח	*	ע	פ	*	*
נ	ע	*	*	*	*	ב	מ	*	ב	ת
ע	ד	כ	*	*	*	ל	ו	*	ל	*
מ	ח	ל	*	*	*	ו	ל	*	ו	*
ו	*	*	נ	ב	*	מ	ב	ב	מ	*
ל	*	*	ע	ה	*	ע	*	ל	ע	ב
ב	*	ס	מ	ל	*	נ	*	ה	נ	ל
*	ר	*	ו	ע	*	*	*	ע	*	ו
*	*	ב	ל	נ	ב	*	נ	נ	*	מ
*	*	*	ב	*	ל	*	ע	*	*	ע
*	ח	*	*	*	ו	*	ט	*	*	נ
*	*	ג	*	*	מ	פ	ל	*	*	*
*	*	*	*	נ	ע	ל	ב	*	*	*
ת	*	ע	ס	ט	נ	ח	*	*	ג	*
ג	*	*	*	*	*	ח	*	*	*	*
ע	צ	פ	*	*	*	ס	*	ה	י	נ
ז	*	*	*	*	*	*	ח	ה	*	צ
ג	צ	ג	*	*	*	*	ת	*	*	פ

גמאלן

א מעשה פון תפלה

גמאלן דורך:
רבקה וועבערמאן

גמאלן דורך:
אדל קלעגר - צפת

קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

שלמה ומלכה ב. - בית שמש

משפחת אינדיג קרית ברסלב





משפחת ראטה קרית ברסלב

עלטסטע קלאס וויליאמסבורג געמאכט א בלום פון די גארטלעך וואס זיי מאכן אין סקול

משפחת ראזענפעלד

נחמן נתן שניצלער - ספירת העומר



מרדכי העסקעל
צווי שיפעלעך

בס"ד

We accept most insurance plans

You shouldn't waste an hour on a simple test

Get the care you need in your own home.

SERVICING ENTIRE BROOKLYN AREA

admarkny.com

OUR AT HOME SERVICES :

PRESCRIPTIONS. STREP CULTURES.
FLU & COVID/RSV TESTING.
URINE CULTURES. EAR EXAMINATIONS.

Now servicing the upstate area, Liberty and Bloomingburg

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Info@medeasecare.com
medeasecare.com

Mon-Thurs: 3:30pm-10pm | Sunday: 12:00pm - 6:00pm